# רבי אביגדור ענטפערט...



שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען גענטפערט געווארן דורך
**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**
ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פ' ויצא
תשפ"ה לפ"ק

## פראגע

**אויב דער באשעפער גיבט קיינמאל נישט קיין יסורים פאר א מענטש מער ווי ער קען אויסהאלטן, פארוואס זענען אסאך מענטשן בייס קריג אראפ פון זינען?**

## ענטפער:

לאמיר דיר פרעגן אן ענליכע קשיא. דו ווייסט אז ס'איז געשמאק צו האבן א גוטע געזונט. און עס איז מעגליך צו האבן א גוטע געזונט. דאן פארוואס איז דא אזוי ווייניג מענטשן וועלכע נוצן אויס די געלעגנהייט צו האבן א גוטע געזונט?

איר ווייסט, אויב יעדן טאג וואלט איר גענומען א שנעלע דריי-פערטל שעה שפאציר, און אויב וואלט איר געגעסן אייערע מאלצייטן יעדן טאג אין די זעלבע צייט, און געגאנגען שלאפן יעדן טאג אין די זעלבע צייט, וואלט איר געווען א געזונטער און פרייליכער מענטש. איר זאלט טרונקען א גלאז וואסער יעדן אינדערפרי בעפאר'ן דאווענען, און אבאכט געבן צו פארמיידן צוקער און זיסווארג; און עסט אייך נישט איבער!

עס איז מעגליך צו לעבן א פרייליכע לעבן! דאן פארוואס זענען פאראן אזויפיל נאראנים? דו זעהסט זיי ארויסקומען פון קעיק-געשעפטן, בעקערייען, זיי טראגן גרויסע פאפיר-זעקלעך פול מיט קעיק. עס איז פויזן. געבאקן מיט צוקער און קאלערינג. פארוואס איז די וועלט פול מיט אזויפיל משוגעים? דו קענסט עס קלאר זען אויף יעדע גאס. ליקער-געשעפטן זענען איבעראל. א ליקער-געשעפט איז א סימן אז ס'איז דא משוגענע מענטשן אויף דער וועלט. דו דארפסט ליקער ווי א לאך אין דיין שוך... דאן פארוואס זענען דא אזויפיל ליקער-געשעפטן?

און דער ענטפער איז אז די וועלטווארפט אוועק געלעגנהייטן צו לעבן א פרייליך לעבן. אויב זיי וואלט צעשמעטערט זייערע טעליוויזיעס און זיי וואלט אנשטאט ארויסגעגאנגען יעדן טאג אויף די פרישע לופט, און ארומגעגאנגען דעם גאס אפאר מאל, וואלט עס זיי געגעבן אן אנדערע סארט לעבן. זייערע אויגן וואלטן געפינקלט, זייערע באקן וואלט געווען רויט. זיי וואלטן געגאנגען שלאפן פרי און אויפגעשטאנען פרי. זיי וואלט געלעבט א לעבן פון גליקליכקייט.

דער אמת איז, אז פרייליכקייט איז צוגענגליך. איך האב עס נאכנישט אויסגעשמועסט יעצט. איך וואלט געווען צופרידן צו רעדן וועגן דעם באריכות אן אנדערע מאל. אבער ס'איז דא גאר אסאך הנאה אין דער וועלט, וואס דער איבערוויגנדער רוב פון די מענטשהייט האט עס נאך ניטאמאל אנגעהויבן ארויסצושעפן. ס'איז דא אזויפיל גליקליכקייט; הנאה האבן פונעם וועטער, הנאה האבן פונעם א געשמאקן ווינטל, הנאה האבן פון א רעגן-גלעט אויף דיין פנים. הנאה האבן פון די זון-שיין, ארויסנעמען די תענוג פונעם ווינטער און פונעם זומער. עס איז דא אזויפיל "פאן" אין די סעזאנען. אויב דו לערנסט זיך וויאזוי צו 'טועם זיין' יעדן סעזאן, וועסטו אויסגעפונען אז יעדער סעזאן האט איר אייגענער טעם. און דו וועסט שוין ארויסקוקן אויף דעם פרישקייט פונעם ווינטער. דו וועסט ארויסקוקן אויף דעם מחיה'דיגן קוואליטעט פון זומער. דו קוקסט פאראויס אויף פרילינג און הערבסט. עס דארף זיין א ניגון אין דיין מח פאר יעדן חודש. יעדע חודש האט זיין אייגענער ניגון. מיר דארפן זיך לערנען וויאזוי צו הנאה האבן פונעם לעבן. איר ווייסט אז ס'איז א גרויסע חכמה זיך צו לערנען צו הנאה האבן פון לעבן.

יעצט, עס זענען אויך דא אסאך פרומע וועלכע האבן נישט קיין שכל. און זיי זאגן "הנאה האבן פונעם לעבן? אויף דער וועלט ווילט איר הנאה? ניין!" און אזוי, טוען די פרומע שוטים פארפאסן זייער לעבן. עס איז דא אזוי פיל צו געניסן פון דער וועלט. איר ווייסט וויפיל "פאן" עס איז בלויז צו האבן צוויי פיס, און צוויי הענט, און צוויי אויגן, און צוויי נירן? עס איז אזויפיל פאן! אויב איר גלייבט מיר נישט, פרעגט א מענטש אין א וויל-טשעיר, וואס זיצט מיט א צודעק העכער זיינע קניען. אויב וועט איר אויפהייבן דעם צודעק, וועט איר זעהן אז עס ליגט גארנישט דערונטער. ער האט נישט קיין פיס. אויב וואלט ער געקענט האבן בלויז איין פוס. בלויז איין פוס! יעצט וואלט ער שוין געקענט

ארומהאפן מיט שטעקענעס. ער וואלט געווען א מיליאנער! און דו האסט צוויי דערפון?! דאן ביזטו א מולטי-מיליאנער! ס'איז דא אזויפיל גליקליכקייט אין לעבן, מען קען משוגע ווערן פאר פרייליכקייט!

איז דו פרעגסט מיר א קשיא, אויב תורה-אידישקייט איז אזוי געשמאק, דאן פארוואס זענען דא אזוי ווייניג פרומע אידן? איז איך פרעג דיר, פארוואס זענען דא אזויפיל משוגעים וועלכע מאכן חרוב זייער געזונט, רואינירן זייער ציין, רואינירן זייער מאגן, רואינירן זייער הארץ! איר ווייסט אז מענטשן עסן זיך אויף זייער הארץ, דורכ'ן זיך קריגן אגאנצן טאג, און זיך זארגן! מחלוקות אין שטוב. מען עסט זיך אויף! ס'איז דא טויזנט און איינס זאכן וואס מענטשן מאכן זיך אליינס שאדן. "דייעביטיס" קומט געווענליך דורך מענטשן וואס קריגן זיך. הארץ-אטאקעס איז א רעזולטאט פון זיך אויפעסן. מענטשן קריגן זיך און מען עסט זיך אויף. וויפיל משפחה-טראגעדיעס פאסירן צוליב די גרעסטע נארישקייטן?!

"דיין מאמע האט געזאגט דאס," און "זיין מאמע האט געזאגט דאס," און ס'ווערט א גאנצע טראגעדיע! איך הער דאס יעדן טאג. און מענטשן שטארבן פון דעם. דא איז א פרוי וואס האט געהאט קענסער ל"ע און איז געשטארבן יונג ווייל זי האט געהאט א שלעכטער מאן. ער האט איר געהארגעט! ער האט איר דערמארדעט מיט זיין שלעכטיגקייט. דא איז א מאן וואס האט געהאט א הארץ-אטאקע ווייל זיין ווייב האט אים כסדר דערקוטשעט ביז ער האט פארלוירן זיין געדולד. און אינמיטן אן אויספלאץ פון כעס איז ער געפאלן טויט. מענטשן שטארבן פון רווישנדע געפילן. אויב מענטשן וואלטן זיך טרענירט צו לעבן שטיל, נישט צו נעמען אלעס אזוי ערנסט, צו לאכן פון אלעם, און אנשטאט וואלטן זיי זיך געלערנט די חכמה פון זיין א "שמח בחלקו", דאן וואלט זייער לעבן געווען גאר אנדערש.

איז דו פרעגסט מיר פארוואס עס זענען דא אזויפיל מענטשן וואס פארשטייען נישט דעם געשמאק פון זיין א פרומער איד? די געשמאק פון זיצן ארום א שבת-טיש מיט דיין משפחה און זינגען זמירות! דו ווייסט וואספארא געשמאק דאס איז?! דו זיצט מיט דיינע קינדער און מען זינגט זמירות. דו מוזט אודאי האבן קינדער. אויב דו האסט נישט קיין קינדער, דאן איז עס בלויז א ליידיגע טיש. אויב דו ווילסט פראקטיצירן די משוגעת'ן פון די היינטיגע וועלט נישט צו האבן קיין קינדער, איז וואס קענסטו שוין ערווארטן אין א ליידיגע הויז? אבער דא איז א מענטש מיט צען קינדער. און זיי אלע זינגען, ס'איז א קאפעליע. אהה! א תענוג. ס'איז עולם הזה, און ס'איז דער גן עדן אויף דער וועלט. די מאמע לייגט אריין אלע אירע טאלאנטן צו מאכן די מחיה'דיגע עסן פאר שבת, און דאס מאכט די שבת אזוי געשמאק! יעדער זיצט און מען לייגט אריין אין מויל די מאכלים, מען האט הנאה פון עס. זיי האבן הנאה פונעם שבת. און יעדער כאפט א דרימל. אנשטאט צו זיצן אונטער'ן דרייווער-רעדל און שמעקן דעם קאר פארנט פון דיר, זיין געז וואס קומט ארויס פון זיין קאר, זיצטו ארום דיין טיש מיט דיינע קינדער. און דאן גייסטו שלאפן; ס'איז שטיל און רואיג. דאן שטייסטו אויף, און יעדער לערנט, מען גייט אין שול, די משפחה איז צוזאמען. די גליקליכקייט פון אן אמת'ע תורה'דיגע לעבן! דאן פארוואס זענען דא אזויפיל מענטשן וועלכע האבן נישט קיין שכל צו לעבן א נארמאלן לעבן? גיי פרעג זיי...

## פראגע

**ווען איך זאג פאר מיין קליינעם קינד צו דאנקען השי"ת פאר'ן זיין געזונט און האבן צוויי פיס, קוקט ער אויף מיר ווי גלייך איך בין נארוואס אראפגעפאלן פון די לבנה און ער לאכט. וויאזוי זאל איך האנדלען מיט דעם?**

## ענטפער:

ס'איז נישט בלויז דיין קינד. ווען דו זאגסט עס פאר דיין זעכציג יעריגער ברודער, וועט ער אויך לאכן. איך האב מורא צו זאגן אז אפילו געוויסע מענטשן מיט לאנגע רעקלעך און לאנגע בערד וועלן אויך לאכן. ער קען זיין געניג איידל נישט צו לאכן, אבער אין זיין הארץ לאכט ער. אין זיין הארץ, טראכט ער נישט וועגן דאנקען השי"ת. קיינער טראכט נישט וועגן דאנקען השי"ת! איר ווייסט פארוואס? איך וועל אייך זאגן א סוד. זיי גלייבן נישט אין השי"ת. אפילו ביי פרומע אידן, איז דער אויבערשטער בלויז א ווארט אינעם סידור. ער איז נישט קיין רעאליטעט ביי זיי. אויב ער וואלט געהאט אזויפיל אמונה אין השי"ת ווי ער האט אין זיין ברודער אין קווינס אדער בארא פארק, גלייב מיר, ער וואלט געווען דער גרעסטער צדיק אין דער וועלט.

אונזער ערשטע עבודה איז - און ס'איז א גרויסע עבודה - צו פאקטיש גלייבן אין השי"ת, צו קונה זיין א באוואוסטזיניגקייט אז ער שטייט גלייך דא. און דאן קענען מיר טראכטן וועגן אים דאנקען פאר אונזער געזונט.

איז זיי נישט איבערראשט פון דיין קליין קינד. אבער, גיבט נישט אויף האפענונג. דו האלט אן צו רעדן צו דיין קליינעם קינד און מיין נישט אז ער הערט נישט אויס. דאס קינד קען לאכן פון דיר, אבער די ווערטער גייען אריין אין זיין הארץ. און אט די קערעלעך פון אמונה וועלן דארט בלייבן. און איין טאג, קען עס ארויסגעבן הערליכע פרוכט!

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com

Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel.
Visit us at simchashachaim.com

סידור ועימוד ע"י מערכת להתענג וכל הזכויות שמורות

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים וועכענטליך אויף אימעיל




נאר אידיש




לה"ק אידיש




נאר לשון הקודש

$1.50 א וואך
מועדים $4.50

בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com




# באשטעלט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק







צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז 1$ א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8Ozcjl4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב